בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אמור תשע"ז** **פרקי אבות ד** **גליון 408 [שנה ט']**

**מען דארף אלע מאל רעדן ווייך און איידל**

אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם: (כא א) שטייט די לשון פון אמירה וואס איז א לשון רכה רעדן ווייך און נישט שטרענג, פרעגן אלע וואס איז די דאפעלטע לשון אֱמֹר וְאָמַרְתָּ? נאר דער תורה וויל לערנען דרך ארץ, ווייל די סדר העולם איז אויב א מענטש דארף איבער זאגן א זאך צו איינעם עטליכע מאל ווערט זיין טאן שטערקער פון מאל צו מאל, זאגט די תורה אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, אפילו דארפסט איבערזאגן אסאך מאל, ווי עס שטייט הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ (ויקרא יט יז) אפי' ק' פעמים (ב"מ ל"א.), זאל אלע אמירות זיין אמירה רכה, ווייך גערעדט. א איד דארף רעדן איידל. (תפוחי חיים –פאנעט קארלסבורג)

**פארוואס בנות אהרן מעגן זיך מטמא זיין?**

אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו: (כא א) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט דא אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין, אויב אזוי פארוואס שטייט ווייטער נאכאמאל (כא ד) לֹא יִטַּמָּא בַּעַל בְּעַמָּיו לְהֵחַלּוֹ:? נאר די גמ' (קידושין דף לה:) דרשענט בני אהרן ולא בנות אהרן, אז בנות אהרן מעגן זיך יא מטמא זיין, דארף מען פארשטיין פון וואנעט ווייסט מען צו זאגן דעם דרש ולא בנות אהרן? נאר ווייל די תורה איז מפרש לֹא יִטַּמָּא בַּעַל בְּעַמָּיו וואס דא שטייט דער טעם לְהֵחַלּוֹ, איז דוקא ביי בני אהרן וואס מאכן די עבודה, און עס איז שייך צו ווערן א חלל, זיי טארן זיך נישט מטמא זיין, אבער בנות אהרן וואס איז נישטא ביי זיי די עבודה, זיי מעגן זיך יא יא מטמא זיין. (עפעפי שחר – הגאון ר' שמואל טייב ז"ל מתונס)

**רמז אויף רד"ו שנה אין מצרים**

הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: (כב לג) מיר ווייסן אז די אידן האבן געדארפט זיין אין מצרים ד' מאות שנה, 400 יאר, און דער אויבערשטער האט דאס געמאכט אויף רד"ו שנה, 210 יאר, וואלט מען געקענט זאגן אז אין דעם פסוק איז דא א רמז ווייל די ווארט אֶתְכֶם איז בגימט' 471 און די ווערטער אֶרֶץ מִצְרָיִם איז בגימט' 671 און די צווישענשייד צווישן זיי איז 210 דאס מיינט הַמּוֹצִיא: נעם ארויס אֶתְכֶם = 471 פון אֶרֶץ מִצְרָיִם = 671 בלייבט איבער 210. (ספר להניח ברכה – הגאון ר' מיכאל כהן )

## שיינע דרוש אויף ו' מוסיף און פארענטפערן א מדרש פליאה

שׁוֹר אוֹ־כֶשֶׂב אוֹ־עֵז כִּי יִוָּלֵד: (כ"ב כו – כז) שטייט אין מדרש (בדמשק אליעזר אות טז) מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה – פון דא איז א רמז צו תחיית המתים פון די תורה, אבל אותם המינים שכופרים בתחיית המתים– די אפיקורסים וואס לייקנען אין תחיית המתים, האיך נוטלין לולב בימין ואתרוג בשמאל – פארוואס נעמען זיי די לולב אין די רעכטע האנט און דער אתרוג אין די לינקע? א מדרש פליאה! מען קען דאס מסביר זיין לויט די גמ' (סנהדרין דף צ:) א מין האט געפרעגט רבי יהושע בן חנני' מניין לכם שהקב"ה מחי' מתים, ושהוא יודע עתידות– ער ווייסט וואס עס וועט זיין? האט רבי יהושע בן חנני' געענטפערט אז עס שטייט ביי משה (דברים לא ט) הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם אֲבֹתֶיךָ וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה אַחֲרֵי אֱלֹהֵי נֵכַר הָאָרֶץ. דער אויבערשטער האט געזאגט משה אז ער וועט שטארבן און וְקָם, ער וועט צוריק אויפשטיין, און דער וְקָם גייט ארויף אויף פריערט הִנְּךָ שֹׁכֵב, איז א ראיה פון דא אויף תחיית המתים. און רבי יהושע בן חנני' זאגט אויך אז דער וְקָם גייט אויך אויף ווייטער וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה אַחֲרֵי אֱלֹהֵי נֵכַר אז זיי וועלן זינדיגן, איז אויך א ראיה אז דער אויבערשטער ווייסט עתידות, האט דער מין געזאגט מען קען דאך נאר איין זאך לערנען ווייל ממנ"פ אויב וְקָם גייט אויף פריערט, ווייסט מען תחיית המתים און אויב עס גייט אויף שפעטער ווייסט מען נאר אז ער איז א יודע עתידות! זאגט די גמ' אז באמת וְקָם גייט אויף פריערט און פון דא איז נאר א ראיה צו תחיית המתים, און יודע עתידות ווייסט מען פון אונזער פסוק שׁוֹר אוֹ־כֶשֶׂב, ווייל עס איז שווער פארוואס שטייט נישט עגל און כבש? נאר דער אויבערשטער האט געוואוסט אז די אידן וועלן מאכן א עגל דעריבער שטייט נישט עגל, איז פון דא א ראיה אז דער אויבערשטער איז א יודע עתידות. דעריבער קומט דער וְקָם אויף פריערט און א ראיה אויף תחיית המתים. די גמ' (סוכה לד:) פרעגט פארוואס נעמט מען די לולב אין די רעכטע האנט און די אתרוג אין די לינקע האנט און נישט אלעס צוזאמען געבונדען אין איין האנט? ענטפערט די גמ' ווייל עס שטייט (ויקרא כג מ) וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ־עָבֹת וְעַרְבֵי־נָחַל, שטייט נישט וְכַפֹּת תְּמָרִים מיט א ו' וואס עס וועט מיינען ו' מוסיף על ענין ראשון צו מצרף זיין כַּפֹּת תְּמָרִים –דער לולב, מיטן פְּרִי עֵץ הָדָר – דער אתרוג, און ווייל עס שטייט פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים מיינט דאס אז דער לולב דארף זיין באזונדער און נישט מיטן אתרוג, און ווייל עס שטייט כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ־עָבֹת וְעַרְבֵי־נָחַל איז די ו' וַעֲנַף וְעַרְבֵי מוסיף די הדסים מיט ערבות צו צובינדן מיטן לולב, דעריבער נעמט מען די לולב הדסים וערבה צוגעבודן צוזאמען און אין איין האנט. יעצט לאמיר צוריקגיין צו די מדרש: אזוי ווי ביי לולב דרשענט מען ו' מוסיף אזוי דארף מען דרשנען ו' מוסיף ביי "וְקָם" אז דאס גייט אויף הִנְּךָ שֹׁכֵב און א ראי' צו תחיית המתים. אבער די מינין האלטן אז וְקָם גייט נאר אויף שפעטער אז דער אויבערשטער איז א יודע עתידות אבער ח"ו נישטא תחיית המתים, דאס מיינט דער מדרש שׁוֹר אוֹ־כֶשֶׂב פארוואס שטייט נישט עגל? איז פון דא א ראיה אז דער אויבערשטער איז א יודע עתידות, ממילא לערנט מען ארויס פון וְקָם, ו' מוסיף על ענין ראשון אויף תחיית המתים, אבער די מינין וואס האלטן נישט פון ו' מוסיף, קען מען בינדן צוזאמען אלע ד' מינין אויב אזוי פארוואס נעמען זיי לולב בימין ואתרוג בשמאל, זיי זאלן נעמען אלעס אין איין האנט! (מהר"ם שיק תלמיד חת"ם סופר)

**פרקי אבות פרק ד** שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹמֵר (משלי כד יז) בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל יָגֵל לִבֶּךָ, פֶּן יִרְאֶה יְיָ וְרַע בְּעֵינָיו וְהֵשִׁיב מֵעָלָיו אַפּוֹ: לכאורה איז זייער שווער דאס וואס שמואל זאגט איז א פסוק איז וואס איז ער מחדש? נאר באמת דארף מען פארשטין פארוואס רופט אים אן דער תנא שְׁמוּאֵל הַקָּטָן און נישט סתם שמואל ווייל וואס איז א נפק"מ צו ער איז גרויס אדער קליין? נאר אין תוס' יו"ט שטייט פון ירושלמי אז שמואל איז געווען זייער א נידעריגער, דעריבער האט מען אים גערופן שמואל "הקטן", אוןליידער מענטשן מאכן ליצנות פון אזא מענטש און ווייל ער איז געווען א שונא פון כבוד און א שפל ברך האבן מענטשן אים נאך מער מבייש געווען און נישט געגעבן דעם

ריכטיגן כבוד וואס עס קומט אים, און ער האט שטארק מורא געהאט אז חלילה וועלן די אלע מענטשן באקומען א שטראף, האט שמואל געזאגט שטענדיג דעם פסוק אז מען טארר זיך נישט פרייען ווען דיינע שונאים וועלן פאלן, און האט געבעטן אז ער זאל נישט זען אין די מפלה פון זיינע שונאים און געבעטן אז דער אויבערשטער זאל זיי נישט שטראפן און זיי אלע מוחל געווען. (דברי יחזקאל שינאווא)

**מי שיש לו אמונה ברשב"י יש לו חיזוק ברשב"י -בית אהרן**

## *מדור העובדות*

## *דער הייליגער דברי חיים פון צאנז זצוק"ל איז מחיה מתים כדי צו העלפן זיין חסיד*

עס זענען געפארן א קבוצה חסידים קיין צאנז צו זיך אנווארעמען ביים הייליגן דברי חיים זצוק"ל, ווען אינמיטן וועג האט זיך צובראכן זייער וואגן און קיין געלט איז נישט געווען דאס צו פאריכטן, מען טראכט א עצה ווי צו שאפן געלט כדי פאריכטן דעם וואגן און אנקומען קיין צאנז און איינע האט מייעץ געווען אז מען וועט ארויסגעבן א קלאנג אז א גרויסער רבי איז אנגעקומען אין שטאט, א פועל ישועות, צוזאמען מיט א פאר פון זיינע חסידים און זיי האבן מסכים געווען און זיי האבן אויסגעקליבן איינער פון זיי וואס האט געהאט א שיינע הדרת פנים צו זיין דער רבי און איינער זיין גבאי און אזוי וועלן זיי האבן געלט פארן וואגן און אויף צידה לדרך. זיי זענען געגאנגען צו פוס אין א נאנטע שטאט כדי זוכן א אכסניא וואס וועט זיי געבן א פלאץ פאר א גוטע איד וואס וועט באלד אנגעקומען אין שטאט.

דער אויבערשטער האט זיי צו געשיקט א פיינע איד און בליץ שנעל האט מען מפרסם געווען אז א גרויסער רבי, א פועל ישועות, קומט אן, און דער גרויסער רבי איז מיטן גבאי און זיין עולם אנגעקומען אין שטאט און מענטשן זענען געקומען מיט קוויטלאך און פדיונות און דער רבי האט געטיילט ברכות. די געלט איז אויך געקומען אין הויפנ'ס און זיי האבן געהאפט אז מען וועט קענען אוועקפארן רוהיגערהייט אין אפאר טעג און פארעכטן זייער וואגן און פארן ווייטער קיין צאנז.

אבער דארט אין שטאט האט זיך פונקט דעמאלטס פאסירט אין א איד'ס פאבריק, וואס ער האט געמאכט בראנפען, און א פאס האט זיך זיך איבערגעקערט אויף א יונגע גוי'שע ארבעטארער און ער איז געשטארבן און דער איד האט מורא געהאט אז מען וועט אים חושד זיין אז ער האט דאס געטאן און איז געווען אובד עצות, האט ער זיך אויס גערעדט פאר זיין חבר וואס בארוהיגט אים און זאגט אים אז פונק יעצט איז אין שטאט אנגעקומען א גרויסער רבי א פועל ישועות, גיי שוין צו אים און אלעם וועט זיין אין ארדענונג.

דער איד לויפט שנעל און קומט אן צו דער רבי און וויינט זיך אוים די הארץ. עס איז געווארן שווארץ און פינסטער פארן רבין און זיין גבאי, וואס טוט מען דא פאר א עצה? ממילא א ברכה קען מען געבן אבער מחיה מתים זיין! די חסידים האבן זיך געטראכט א פלאן און געזאגט אונז ווילן דאך פאהרן קיין צאנז לאמיר זיך מקשר זיין מיטן הייליגן צדיק און אין זיין זכות וועט זיין א ישועה פארן איד. דער רבי האט געהייסן דער איד זאל גיין צו דער גוי און אים אנעמען ביים האנט און פירן די גוי צו זיין שטוב און לאז אים דארטן!

דער איד גלויבט אין דער רבין און גייט אהיים און כאפט אן דער גוי און וואונדער אויף וואונדער דער גוי ווערט צוריק לעבעדיג און הויבט זיך אויף און גייט צוזאמען מיטן איד צו זיין שטוב און לאזט אים אפ ביי די טרעפ און די מאמע פון גוי האט אים געזען. ווען זי איז אראפגעקומען אים נעמען האט זי געמיינט אז ער איז שיכור און זי האט געשריגן וויפל איז די שיעור זיך צו אנשיכורין און זי האט געמוזט שלעפן איר זון און אריינגעלייגט אין בעט דערווייל ווען די מאמע האט אים שפעער געוואלט אויפ-וועקן האט זי יעצט געזען אז ער איז טויט, האט זי געמיינט אז ער איז יעצט געשטארבן און מען האט שוין נישט געקענט האבן א חשד אויפן איד און די איד איז ארוים פון דעם צרה.

דער איד איז געקומען צו לויפן צו דער רבי און אים געדאנקט פאר די ישועה און געגעבן א שיינע סכום געלט און אזוי איז נתפרסם געווארן אין שטאט דעם וואונדערליכן מופת פון דעם רבין אז ער האט מחיה מתים געווען און זיי האבן שוין געהאט גענוג געלט אויף א נייע וואגן און זיי זענען יענע טאג געפארן קיין צאנז. ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבין אין צאנז האט דער רבי געגעבן שלום פאר די חסידים אבער פאר דעם חסיד, וואס האט זיך פארשטעלט פאר א רבי, האט דער רבי זיך נישט ווי סנדיג געמאכט, ווען עס איז אריבער א פאר טעג איז יענע חסיד אריין צום דברי חיים פרעגנדיג פארוואס קומט אים דאס? ער איז נישט אנדערש פון די אנדערע חסידים, סך הכל האט ער געהאט די שענסטע צורה פון זיי, אבער נישט ווייל ער האט געוואלט זיין א רבי!

האט דער דברי חיים געענטפערט ווען ער האט געזאגט פארן איד צו נעמען די גוי און אים מחיה מתים זיין, האב איך דאס געזען און איך האב געוואלט אז עס זאל נישט ארוים קומען א שטרויכלונג פאר דיר, האב איך מתפלל געווען פאר רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל אז ער זאל מיר העלפן מיטן תחיית המתים אפילו דאס איז געווען פאר א גוי. און ער האט מסכים געווען. און יעצט איז די עצה פאר דיר פאר צוריק אין יענעם שטאט און מאך די שפיל נאכאמאל און די גאנצע געלט זאלסטו מיר ברענגען ווייל איך דארף חתונה מאכן א איניקל פון רבי ר' אלימלך.

דער חסיד האט צוגעזאגט און איז געפארן מיטן גבאי אין יענעם שטאט און די עולם האט זיך געפריידט מיטן רבין און געגעבן א סאך געלט וואס איז געווען גענוג אויף די הוצאות החתונה און האט די געלט געברענגט פארן דברי חיים וואס האט יעצט מוחל געווען זיין חסיד.

**כשם שהקב"ה לכל כך רשב"י לכל אפילו לפחותים- בית אהרן**


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן***

*סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך $3000, סעט טורים דפוס זיטאמיר $1200 ספר בנימין זאב עם כמה חותמות של התפארת שלמה מראדאמסק $9000, בריוו פון חכם צבי, ר' עקיבא איגר, חפץ חיים תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000,* מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמות? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,